Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Moskve, 1941

Ex oriente - lux

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

## Ex oriente—lux *)

מיט פײַער און מיט בלוט וװערסטו געפּרוּװוט פונסנײַ,
געפּאנצערט מיט דעם ערשטן פּערטל פון יאָרהונדערט:
צי האָסט דער װעלט זיך בלויז געכאָלעמט אַף אַ װײַל,
צי ביסט מיט הויט און ביין אַרײַן אין אירע גרונטן...

דו װערסט געפּרוּװוט. דו ביסט פונסנײַ געשטעלט
אַף אַ פאַרהער פון דוירעס אופגעװאַכטע,
װאָס, צוגעשמידט מיט קייטן דורך באַטריגער פון דער װעלט,
אַף די דערלייזנדיקע טריט דײַנע זיי װאַרטן.

ס'גייט דער פאַרהער אין פײַער און אין פלאַם,
דײַן פרײַהײַטס-גײַסט אין איבערקרייצנדיקן קלעם איז:
צי זײַנען קנאָכיק דורכגעװעבט-באַהאָפטן מיטן שטאַם
די גרונטפעסטן פון דײַן געװאַגטן עמעס...

די צוקונפט שטרעקט צו דיר איר בליק.
זי אײַלט צו דיר, מיט טריט פון אופגאַנג זי געגענט שוין:
אַף דיר געמאָלדן איז די ברענענדיקע קריג
דעם גײַסט דעם פרײַען פון דער מענטשהײַט!

אין קראַמפן װאַרגן לענדער זיך, געשמידט מיט צאַר.
געקעפּטע פעלקער היימלאָזיקע בלאָנקען.

---

*) פון מיזרעך — ליכט

באשערט איז דיר צו זײַן דער שלאַכטיקער פלאַצדארם,
ווו ס'האָט די פינצטערניש געמאכט איר לעצטן אָנגריף!

אנטקעגן דיר האָט זיך געשטעלט דער אָפּפאַל פון דער ערד,
די גאַל די אויסגעבראָכענע פון רויבערישע קריגן,
וואָס האָט באַשמוצט די צײַט און זי פארשוועכט
און זי באַצוווּנגען מיט פארגוואַלדונג און האריגע.

אנטקעגן דיר האָט זיך געשטעלט דאָס כאָרכלדיקע מעשוגאַס
דאָס אויסגעכאָוועטע פון אָפּגרונטדיקן כוישעך,
וואָס ווייסט קיין גרענעץ און קיין ברעג אין ווילדן האַס
צו אַלץ, וואָס לײַכט און וואָס באַוועגט, נ'וואָס דאַרף באַרוישן.

אנטקעגן דיר האָט ניט קיין קעגנער זיך געשטעלט,
נאָר א באַשעפעניש פון פעסט, נאָר א מעטורעפ,
וואָס האָט אין גסיסע פארן גאָרגל אָנגעכאַפּט די וועלט
און וויל זי אָנשטעקן מיט טויט דורך זײַן פארסאַמטן צוריר.

ער וועט פארברענט ווערן אין דײַן צעפלאַקערטן קאַיאָר,
דעם רוקנביין, ווי אָן א פעלדז, צעברעכן וועט ער;
ווײַל ניט קיין כאָלעם ביסטו, נאָר די ווונדערלעכע וואָר,
וואָס איז דורך פײַער-צײַט און דורך פאַנאַנדערוווּקס באַשטעטיקט.

בא דײַן צופוסנס ער צעבראָכן ווערן דאַרף
און ווערן אָפּגעווישט ענדגילטיק פון דער ערד שוין;
געפרווּט דו ווערסט מיט אָט דער הייליק-גרויסער שלאַכט,
אַפּ דיר קוקט איצטער מיט באַווונדערונג די מענטשהײַט!

און ס'קלינגט דײַן ענטפער דונערדיק אין רוים
דורך שטאָלצער שווערד דײַנער, געשליפענער אין ליידן,

פאַר דעם יאָרטויזנטדיקן פרײַהײַטס-טרוים,
וואָס דו האָסט אים געזייט און דיר באַשערט איז אים צו שנײַדן!

עס איז דײַן ענטפער גרויזאַם צו דער ווײַט פאַרטרויט,
דער שטוינענדיקער וועלט ער ווערט געגעבן —
אין לעגענדאַרישער פאַראַכטונג צו דעם טויט
און אין די שלאַכטן לעגענדאַרע פאַר דעם לעבן!

ס'האָט ניט קיין קויל צו זאָגן איבער דיר,
ס'קאָן דיך דער טויט פון שלאַכטן ניט אַנטוויינען —
די ערשטע האָסט פון פרײַהײַט אָנגעצונדן ס'ליכט,
און עס פאַרלעשן ניט דערלויבן ווּעסטו קיינעם!

אַצינד געהערסטו איר, געזאַלבט פון צײַט,
און זײַן איר שוץ אַצינד ביסטו באַרופן.
אַ פערטל פון יאָרהונדערט, בויענדיק מיט דײַן געצײַג,
האָסטו געהויבן זי פון שטופן איבער שטופן

און זי אַנטפּלעקט דער וועלט אין הערלעכן געבוי,
זי מיט דעם פײַער-קסאַוו פון גרונט-געזעץ געשטעמפּלט און געבונדן.
אַצינדער וועט אַ יעדער גראָז און יעדער בוים
אין שלאַכט פאַר איר באַווײַזן וווּנדער!

עס וועקט דײַן שווערד איצט די גערעכטע אויף
דעם גײַסט פון גרויסע, פון אומשטערבלעכע געשלעגן. —
דאָס זיבעצנטע יאָר, דײַן ערשטן אויפשטײַג באַרג-אַרויף,
ווען האָסט אויף אייביק מיט דער קנעכטשאַפט זיך געזעגנט;

ווען האָסט אויף אייביק אויסגעטאָן די קייטן פון די הענט
און דעם יאַרמאָ פון פאָלק אונטער געזאַנג צעשמעטערט. —

אצינדער גייען אופֿ דײַנע יאָרהונדערטן אין בלענד
און שטעלן זיך לעם דיר: צעעפֿן זיי און — בלעטער!

און לייען אין דער טיפֿ דעם גאָלדענעם פֿארזיי,
דעם איבערפֿלעכט און דראנג פֿון יוירנדיקע שײַנען, —
באהאָפּטן — דורכגעוועפּט אין טיפֿעניש מיט זיי
זײַנען די גרונטפֿעסטן פֿון דער גערעכטיקײַט פֿון דײַנער.

בא ראנדן זאמלט זיך דאָס כאַיל פֿון באָראָדינאָ,
ס'קומען פֿון אײַז־געשלעג צונויפֿ זיך די גיבוירים;
און פֿון ווארשטאטן און פֿון פֿעלדער קומען נאָך,
וואָס זײַנען שטאָלץ אפֿ באריקאדן־פֿלאם געבוירן.

און ווי א שטורעם־פֿויגל יעדערער זיך רײַסט,
און יעדער איינער קאָן זיך ליכטיק א צעשאל טאָן:
— דאָס פֿײַער האָט קיין צוטריט צו דעם גײַסט,
וואָס האָט אין פֿײַער זיך געשטאָלט און זיך געשטאלטיקט!

זיי שטעלן אויס זיך, די גיבוירים, האנט בא האנט,
ווי די באזונגענע די פֿלאם־געשטאלטע רייען,
און נאָכאמאָל אין שלאכט און אין געשלעג באנאנד —
מיט די געטרײַסטע אָפּשטאמען — מיט רויטארמייער,

וואָס האָבן אפֿ דער ערד און אין דער לופֿט אנטדעקט
פֿון העלדנמוט די פֿרייד און די היסלאוועס,
און אָפּגעוואָרפֿן בערג אינמיטן וועג
מיט רוּיקן געמיט און מיט געדולדיקײַט פֿון סלאוון.

איז א באגין דער שלאכט! די שווערד אין האנט פֿארפֿרעסט!
דעם קאָפּ צו ליכטיקײַט, ווי שטענדיק — ניט געבויגן;

דו וועסט אראָפרײַסנ די סוואסטיק-שווארצע פעסט,
וואָס האָט אינ לײַב פונ דר׳ערד זיכ, ווי א פיאווקע, אײַנגעזויגנ!

פארהויבנ שטאָלצ אינ דר׳הייכ דעמ קאָפ,
צו דוירעס צוקינפטיקע ווײַט געווענדט שוינ, —
האָסטו אפ זיכ דעמ ערשטנ קלאפ
מיט שווערד אינ האנט גענומענ פאר דער מענטשהײַט!

אפ הוילנ לײַב — דער גאָלדענער באגינ,
אונ זיכ געשפײַזט מיט קרײַטעכצער פונ פעלדער;
ס׳איז דיר דורכ גײַסט פונ דײַנע אומשטערבלעכע זינ
באשערט די בכוירע פונ פארברידערנ די פעלקער!

ס׳איז דיר באשערט צעשמעטערנ דעמ שארבנ-ביינ מיט גיפט,
דו ביסט בארופנ אויסשנײַדנ דעמ קרעפס אונ אימ באזיגנ,
אונ אָפשאפנ דעמ אויסגעטראכטנ מיפ
וועגנ דער אומבאזיגבארקײַט פונ כוישעכ אינ די קריגנ!

פונ זײַנע טריט צעטראָטנ קרעכצט די ערד,
אונ נאָכ א מאבל בענקענדיק, הייבט זי אָנ ראנגלענ זיכ אינ קלעמ איצט.
פונ מיזרעכ — ליכט! — דורכ פײַער אונ דורכ שווערד!
פונ מיזרעכ — ליכט! — דורכ דײַנ געוואגטנ עמעס!